בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלְיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינּוּךְ

אִידִיש

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

גליון
נ"ד

מוסדות היכל הקודש ברסלב

פרשת צו - פרה
שנת תשפ"ד

## שִׁיעוּרִים אִין חִינּוּךְ

דָאנֶערְשְׁטָאג פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, שְׁנַת תשפ"ג

### • שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת

**מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף בְּרֶענְגֶען מִיר אַייךְ אַ נַייֶע שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר מְחַנְּכִים, דָאנֶערְשְׁטָאג פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן, אִין וִוילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א.**

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן:** אִיךְ וִויל אַבִּיסְל מְחַזֵּק זַיין דִי מְחַנְּכִים. אִיךְ גֶעבּ דֶעם שִׁיעוּר דָא אִין וִוילְיַאמְסְבּוּרְג, אָבֶּער מֶען וֶועט עֶס אַרוֹיף לֵייגְן אוֹיף דִי הַאטְלַיין "קוֹל בְּרֶסְלֶב", כְּדֵי דִי מְלַמְּדִים פוּן אִיבֶּערָאל, פוּן שְׁטֶעטְל, פוּן קִרְיַת יוֹאֵל אוּן פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זָאלְן קֶענֶען הֶערְן דִי חִיזּוּק.

אִיךְ וֶועל פְּרוּבִּירְן צוּ רֶעדְן בְּלוֹיז אִידִישׁ, וַוייל אִיךְ הָאבּ הַיינְט בַּאקוּמֶען אַ בְּרִיוו פוּן אַ אִיד וָואס וואוֹינְט אִין יְרוּשָׁלַיִם, ער שְׁרַייבְּט מִיר: אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁטְרֶענְגְט זִיךְ אָן צוּ רֶעדְן דִי אַלֶע וֶוערְטֶער וָואס אִין אַמֶערִיקֶע רֶעדְט מֶען אִידִישׁ אוֹיסְגֶעמִישְׁט מִיט עֶנְגְלִישׁ - אִין אִידִישׁ, אַסַאךְ מָאל וֶוען מֶען הֶערְט אַ שִׁיעוּר אוּן מֶען קֶען נִישְׁט אוֹיפְכַאפְּן גֶעוִויסֶע וֶוערְטֶער וֶוערְט מֶען צוּמִישְׁט.

אִיךְ וֶועל פָארְלֵיינֶען שְׁאֵלוֹת וָואס מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס הָאבְּן אַרַיין גֶעשִׁיקְט אוּן אִיךְ וֶועל עֶס מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף עֶנְטְפֶערְן.

### שְׁאֵלָה א'

אַ לֶערֶערִין פְרֶעגְט: וָואס קֶען מֶען טוּן מִיט אַ תַּלְמִידָה וָואס וֶוערְט מַמָּשׁ אוֹיסֶער זִיךְ פוּן יֶעדֶע קְלֵיינֶע זַאךְ, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אַז עֶס הָאט זִיךְ צֶעבְּרָאכְן אִיר קְרֶעיאַן, הֵייבְּט זִי אָן זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּ וֵויינֶען, זִי וֶוערְט מַמָּשׁ אוֹיסֶער זִיךְ, עֶס זֶעט אוֹיס וִוי דִי וֶועלְט גֵייט אִיר אוּנְטֶער, יֶעדְן טָאג אִיז דָא עֶפֶּעס אַ זַאךְ אוֹיף וָואס זִי וֵויינְט, אִיךְ פְּרוּבִּיר אִיר מַסְבִּיר צוּ זַיין אַז **"דַיין קְרֶעיאַן הָאט זִיךְ טַאקֶע צֶעבְּרָאכְן אָבֶּער בָּרוּךְ הַשֵּׁם דוּ בִּיסְט גֶעזוּנְט, דוּ הָאסְט גֶעזוּנְטֶע פִּיס, מֶען דַארְף נִישְׁט וֵויינֶען, מֶען דַארְף נִישְׁט שְׁרַייעֶן"**, אָבֶּער עֶס הֶעלְפְט גָארְנִישְׁט, וִוי אַזוֹי קֶען מֶען אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן נִישְׁט וֶוערְן אוֹיסֶער זִיךְ?

### שְׁאֵלָה ב'

אַ צְוֵוייטֶע לֶערֶערִין פְרֶעגְט: וִוי אַזוֹי קֶען מֶען אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זִיךְ שְׁפִּילְן אִינְאֵיינֶעם, זֵיי זָאלְן זַיין בְּאַחְדוּת, זֵיי זָאלְן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן.

### תְּשׁוּבָה אוֹיף שְׁאֵלָה א' אוּן ב'

וִוי אַזוֹי קֶען מֶען אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין קִינְדֶער זֵיי זָאלְן נִישְׁט וֶוערְן הִיסְטֶערִישׁ, זֵיי זָאלְן נִישְׁט וֶוערְן אוֹיסֶער זִיךְ וֶוען עֶפֶּעס פַּאסִירְט? אוּן וִוי אַזוֹי קֶען מֶען אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין קִינְדֶער אַחְדוּת, זֵיי זָאלְן זִיךְ שְׁפִּילְן אִינְאֵיינֶעם? - דִי צְוֵויי שְׁאֵלוֹת הָאבְּן דֶעם זֶעלְבְּן עֶנְטְפֶער; דוּרְךְ רֶעדְן אוּן נָאכְאַמָאל רֶעדְן אוּן נָאכְאַמָאל רֶעדְן אוּן נָאכְאַמָאל רֶעדְן!

נֶעכְטְן הָאט מֶען גֶעמַאכְט אַ שֶׁבַע בְּרָכוֹת פַאר דֶער מְנַהֵל פוּן תַּלְמוּד תּוֹרָה, מֶען הָאט גֶערוּפְן דִי מְלַמְּדִים, הָאבְּן מִיר אַסַאךְ גֶערֶעדְט אַז פַאר קִינְדֶער אִיז נִישְׁט גֶענוּג צוּ זָאגְן אֵיין מָאל אַ זַאךְ, וֶוען אַ קִינְד הֶערְט אֵיינְמָאל אַ זַאךְ הֶעלְפְט עֶס נִישְׁט, מֶען דַארְף עֶס אִיבֶּער זָאגְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל.

זָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל: **"אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער", "פְּרוּבִּיר צוּ קוּקְן אוֹיף דִי גוּטֶע זַייט פוּן דַיין לֶעבְּן", "אַז עֶס הָאט זִיךְ דִיר צֶעבְּרָאכְן אַ בְּלַיי, אַ קְרֶעיאַן, אָדֶער דַיין שְׁפִּילְצֵייג, דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן 'בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ בִּין גֶעזוּנְט', דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן 'בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאבּ צְוֵויי פִּיס', דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ קֶענְסְט גֵיין אוּן קוּמֶען"**.

עֶס קֶען זַיין אַז הֵיי יָאר וֶועט מֶען נִישְׁט זֶען וִוי דִי וֶוערְטֶער גֵייעֶן אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער, אָבֶּער קוּמֶענְדִיגֶע יָאר וֶוען דִי תַּלְמִידִים וֶועלְן אַרוֹיפְגֵיין אַ כִּתָּה, דֶעמָאלְט וֶועט זִיךְ אָנְזַאמְלֶען דִי אַלֶע זַאכְן וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעהֶערְט פוּן דִיר פַארְיָאר הוּנְדֶערְטֶער מָאל אוּן זֵיי וֶועלְן אָנְהֵייבְּן לֶעבְּן מִיט דֶעם.

אִיךְ וִויל בֶּעטְן פוּן אַלֶע מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס, סֵיי פוּן וִוילְיַאמְסְבּוּרְג, סֵיי פוּן יְרוּשָׁלַיִם, סֵיי פוּן שְׁטֶעטְל, סֵיי פוּן קִרְיַת יוֹאֵל אוּן סֵיי פוּן טְבֶרְיָה: מֶען זָאל זִיךְ פַארְלֵייגְן אוֹיף אֵיין זַאךְ, אוֹיף **"אֱמוּנָה"**.

אוֹיבּ מֶען בְּרֶענְגְט אוֹיף קִינְדֶער מִיט 'אֱמוּנָה', שְׁפָּארְט מֶען אַיין פְּרָאבְּלֶעמֶען פוּן נָאךְ דִי חֲתוּנָה. אִיךְ בַּאקוּם זֵייעֶר אַסַאךְ בְּרִיוְון פוּן וַוייבְּלֶעךְ וָואס שְׁרַייבְּן מִיר: **"אִיךְ בִּין זֵייעֶר פֵּיין, אָבֶּער וֶוען אִיךְ קוּם צְוִוישְׁן מֶענְטְשְׁן וֶוער אִיךְ אוֹיסֶער זִיךְ, אִיךְ וֶוער אָנְגֶעצוֹיגְן, אִיךְ בַּאקוּם דְרוּק, אִיךְ טְרַאכְט אַ גַאנְצְן צַייט: 'וָואס וֶועט מֶען זָאגְן אוֹיף מִיר', אוּן 'וִוי אַזוֹי**

**וועט מען קוקן אויף מיר"**; זיי קענען מַמָשׁ נִישְׁט לֶעבְּן, זַיי קֶענֶען נִישְׁט זַיין צְווִישְׁן מֶענְטְשְׁן, עס פַּייְנִיגְט זֵיי דִי מַחְשָׁבוֹת אַז מֶען קוּקְט אוֹיף זֵיי און מֶען טְרַאכְט פוּן זֵיי.

וֶוער אִיז שׁוּלְדִיג אַז דָאס בּוֹיט זִיךְ אוֹיף אִין אַ מֶענְטְשְׁנְ'ס קָאפּ? - דִי שׁוּלֶע'ס! ווַייל דָאס אִיז דִי גַאנְצֶע חִינוּךְ, וֶוער עֶס קֶען זַיין בֶּעסֶער פוּנֶעם צְוֵוייטְן, און וִוי אַזוֹי וֶועט מֶען קוּקְן אוֹיף דִיךְ, און וִוי גֶעלוּנְגֶען דוּ בִּיסְט, מֶען רֶעדְט אִינְגַאנְצְן נִישְׁט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וָואלְט מֶען גֶערֶעדְט צוּ קִינְדֶער פוּן **"אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אֵייבֶּערְשְׁטֶער"**, וָואלְט מֶען אוֹיפְגֶעוואַקְסְן אַז עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט דָא דָאס וָוארְט **"מִיךְ"**, פַארְוָואס דַארְף אִיךְ טְרַאכְטְן 'וִוי אַזוֹי קוּקְט מֶען אוֹיף מִיר?' און 'וָואס טְרַאכְט מֶען אוֹיף מִיר?' און 'וָואס בִּין אִיךְ?' - עֶס אִיז דָא 'אֵייבֶּערְשְׁטֶער'!

דִי וָואךְ אִיז גֶעוֶוען דִי יָארְצַייט פוּן אֵיינֶע פוּן דִי לְיוּבַּאווִיטְשֶׁער רֶבִּי'ס, דֶער הֵיילִיגֶער רִיַי"ץ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, שְׁרַייבְּט עֶר אַלְץ אַזוֹי: וֶוען שְׁפִּירְט אַ מֶענְטְשׁ אַז עֶר הָאט אַ נָאז? - וֶוען עֶס טוּט אִים וֵויי! וֶוען שְׁפִּירְט אַ מֶענְטְשׁ אַז עֶר הָאט אַן אוֹיעֶר? - וֶוען עֶס טוּט אִים וֵויי! אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז גֶעזוּנְט פִּילְט נִישְׁט זַיין נָאז און זַיינֶע אוֹיעֶרְן, וֶוען עֶס טוּט וֵויי דֶערְמַאנְט מֶען זִיךְ 'אָה אִיךְ הָאבּ אַ נָאז', 'אָה אִיךְ הָאבּ אַן אוֹיעֶר', און מֶען טְרַאכְט אַ גַאנְצְן צַייט פוּן דֶעם; אַ מֶענְטְשׁ פִּילְט נִישְׁט זַיינֶע פִינְגֶערְס סְתַּם אַזוֹי, אָבֶּער וֶוען עֶר כַאפְּט אַ קְלַאפּ, טוּט אִים עֶס וֵויי, דֶעמָאלְט פִּילְט עֶר עֶס, זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רִיַי"ץ: דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט אַ גַאנְצְן צַייט פוּן זִיךְ, אִיז אַ סִימָן אַז עֶפֶּעס פִּילְט עֶר נִישְׁט גוּט... ווַייל סְתַּם אַזוֹי וָואלְסְטוּ וֶוען נָאר גֶעטְרַאכְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**הֶמְשֵׁךְ פוּנֶעם שִׁיעוּר וֶועט קוּמֶען מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ**

## בְּרִיוְון פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

### וָואס טוּט מֶען מִיט דִי פּוּרִים גֶעלְט און חֲנוּכָּה גֶעלְט פוּן דִי קִינְדֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיינֶע קִינְדֶער הָאבְּן גֶעלְט וָואס זֵיי הָאבְּן בַּאקוּמֶען פוּן דִי זֵיידֶעס און בַּאבֶּעס, פּוּרִים גֶעלְט און חֲנוּכָּה גֶעלְט, מַיין צֶען יֶערִיגֶע לֵייגְט אַוֶועק דָאס גֶעלְט, מַיין אַכְט יֶערִיגֶע שְׁפִּילְט זִיךְ דֶערְמִיט, טוּישְׁט עֶס אוֹיף יֶעדֶע פָּאר טֶעג אוֹיף קְלֶענֶערֶע און דֶערְנָאךְ צוּרִיק צוּ גְרֶעסֶערֶע, און דִי פִינְף יֶערִיגֶע ווִיל נָאר קוֹיפְן זַאכְן און עֶס אוֹיסְגֶעבְּן אוֹיף נַארִישְׁקֵייטְן.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג צוּ טוּן, עֶס לָאזְן בַּיי זֵיי, אַוֶועקְנֶעמֶען פוּן זֵיי, אָדֶער עֶס אַוֶועקְלֵייגְן פַאר זֵיי פַאר שְׁפֶּעטֶערְדִיגֶע יָארְן?

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין פְּרוּבִּירְט עֶס צוּ נֶעמֶען פוּן זֵיי און אָפְּשְׁרַייבְּן וִויפִיל זֵיי הָאבְּן בַּיי מִיר, אָבֶּער יֶעדֶע פַאר טֶעג בֶּעטְן זֵיי עֶס צוּרִיק, אָדֶער ווִיל עֶר עֶפֶּעס קוֹיפְן דֶערְמִיט.

אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער אַז אִיךְ גֵיי פְרֶעגְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, און וָואס עֶר וֶועט עֶנְטְפֶערְן אַזוֹי וֶועט מֶען טוּן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, כ"ז אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דָאס אַלֵיינְס וָואס דוּ הָאסְט זֵיי גֶעזָאגְט אַז דוּ גֵייסְט פְרֶעגְן און אַזוֹי וֶועלְן מִיר טוּן - דָאס אִיז זֵייעֶר אַ שְׁטַארְקֶע זַאךְ פַאר דִי חִינוּךְ פוּן דִי קִינְדֶער; דָאס אִיז פוּן דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאכְן וָואס עֶלְטֶערְן דַארְפְן אוֹיסְלֶערְנֶען און ווַייזְן פַאר דִי קִינְדֶער - אַז אַ אִיד פְרֶעגְט זַיינֶע פְרַאגֶעס; מֶען גֵייט צוּם דַיָּין, צוּם רָב, מֶען פְרֶעגְט. אַזוֹי וֶועלְן זֵיי טוּן, וֶוען זֵיי וֶועלְן עֶלְטֶער וֶוערְן - וֶועלְן זֵיי זִיךְ זוּכְן אַ רָב, אַ דַיָּין, אַן עֶרְלִיכֶער אִיד - זָאל זֵיי מַדְרִיךְ זַיין.

לֵייג אַוֶועק זֵייעֶר חֲנוּכָּה גֶעלְט און פּוּרִים גֶעלְט - בִּיז זֵיי וֶועלְן עֶלְטֶער וֶוערְן, דֶעמָאלְט וֶועסְטוּ זֵיי דָאס גֶעבְּן. עֶס אִיז נִישְׁט גוּט קִינְדֶער זָאלְן הָאבְּן גֶעלְט און דָאס אוֹיסְגֶעבְּן פַאר נַארִישְׁקֵייטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; און צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

(עצתו אמונה יום טוב פסח תשפ"ג)

### אַלְס מַשְׁגִּיחַ אִין אַ יְשִׁיבָה, דַארְף אִיךְ רֶעדְן צוּ דִי בָּחוּרִים פוּן קְדוּשָׁה?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט ווִיל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען אוֹיף דִי גֶעוואַלְדִיגֶע הַשְׁקָעָה וָואס אִיר לֵייגְט אַרַיין אִין אַזוֹיפִיל אִידִישֶׁע קִינְדֶער, און אוֹיךְ אִין מִיר, וָואס בַּאקוּמֶען אַזוֹיפִיל כֹּחַ און חִיזוּק צוּ וֶוערְן מֶער דֶערְנֶענְטֶערְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ גֶעדֶענְקֶען און טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און אִים דַאנְקֶען אוֹיף אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר טוּט פַאר אוּנְז.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַ פָּאסְטְן אַלְס מַשְׁגִּיחַ אִין אַ יְשִׁיבָה פַאר יוּנְגֶערֶע בָּחוּרִים אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, און אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַן הַשְׁפָּעָה אוֹיף צֶענְדְלִיגֶע צֶענְדְלִיגֶע תַּלְמִידִים, וָואס שְׁטֵייגְן אִין תּוֹרָה און יִרְאַת שָׁמַיִם.

אִיךְ הָאבּ גֶעוואָלְט פְרֶעגְן אֵיידְלֶערְהֵייט און מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אִיבֶּער דֶעם וָואס אִיךְ הֶער אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט פוּן פַארְשִׁידֶענֶע אֵיידֶעלֶע נוֹשְׂאִים אִין אִידִישְׁקֵייט אוֹיף זֵייעֶר אַ קְלָארֶע און אָפֶענֶע

וֶועג, אוֹיךְ הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַמָאל צוּגֶעלֵייגְט אַז עֶר פַּארְשְׁטֵייט נִישְׁט פַּארְוָואס מֶען זָאל נִישְׁט רֶעדְן אַזוֹי, "זָאל מֶען דֶען נִישְׁט אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר דִי קִינְדֶער הִלְכוֹת שַׁבָּת, וַוייל מֶען דַארְף מוֹרָא הָאבְּן אַז אֵיינֶער וֶועט לְכָבוֹד דֶעם גֵיין אָנְצִינְדֶען אַ לֶעקְטֶער אוּם שַׁבָּת?"

אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ אוֹיבּ אִיז טַאקֶע דָאס דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג, אוּן אוֹיבּ אִיךְ זָאל אוֹיךְ רֶעדְן אַזוֹי אָדֶער עֶנְלִיךְ צוּ דֶעם צוּ מַיינֶע תַּלְמִידִים. דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זֶעט טַאקֶע אַז דִי תַּלְמִידִים זֶענֶען מֶער אָפְּגֶעהִיטְן? אַז זֵיי זֶענֶען מֶער בַּאשִׁיצְט? זֵיי קֶענֶען גְרִינְגֶער בֵּיישְׁטֵיין זֵייעֶרֶע נִסְיוֹנוֹת? וַוייל אוֹיבּ יָא, דַארְף מֶען טַאקֶע טוּישְׁן דִי צוּגַאנְג צוּ דֶעם, אוּן אִיךְ דַארְף טַאקֶע אָנְהוֹיבְּן מֶער רֶעדְן אוּן זַיין מֶער אָפְן אוּן קְלָאר בַּיים רֶעדְן צוּ מַיינֶע תַּלְמִידִים אִיבֶּער דִי זַאכְן.

אִיךְ וַוארְט זֵייעֶר צוּ בַּאקוּמֶען אַ קְלָארֶע עֶנְטְפֶער אוּן הַדְרָכָה אִיבֶּער דֶעם, אוּן נָאכְאַמָאל וִויל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען אוֹיף דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים וָואס זֶענֶען זֵייעֶר מְחַזֵק אוּן הָאבְּן גֶעטוֹישְׁט בַּיי מִיר אַסַאךְ זַאכְן צוּם גוּטְן, אוּן הָאבְּן מִיר דֶערְנֶענְטֶערְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בֹּא, שׁוֹבָבִי"ם, ה' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַוַדַאי זָאלְט אִיר רֶעדְן צוּ דִי בָּחוּרִים פוּן קְדוּשַׁת הַבְּרִית, אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט צוּ זֵיי - פוּן וִוי זָאלְן זֵיי וִויסְן וִוי זִיךְ צוּ פִירְן אוּן וִוי צוּ זַיין הֵיילִיג...?

אִיךְ וֵוייס עֶס אִיז דָא וָואס הָאבְּן פַארְדְרֵייטֶע שִׁיטוֹת, מֶען זָאל נִישְׁט רֶעדְן צוּ קִינְדֶער פוּן קְדוּשָׁה וְטָהֳרָה, אָבֶּער דִי צַדִיקִים, דִי מַנְהִיגֵי יִשְׂרָאֵל וָואס הָאבְּן אָוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט אִידִישְׁקֵייט פַאר דִי קוּמֶענְדִיגֶע דוֹרוֹת, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פוּן סַאטְמֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן נָאךְ - זֵיי הָאבְּן אוּנְז אָוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט קְלָארֶע אָנְוַוייזוּנְגֶען, יָא צוּ רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן נִישְׁט אָנְרִירְן דִי אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ, אוּן זִיךְ הִיטְן פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס וִוילְן מְטַמֵא זַיין.

אַז אִיר וֶועט נִישְׁט רֶעדְן צוּ דִי בָּחוּרִים - וֶועלְן זֵיי נִכְשָׁל וֶוערְן אִין בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת פוּן הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן נָאכְדֶעם וֶועט דָאס גֵיין וַוייטֶער, זֵיי וֶועלְן טוּן עֲבֵירוֹת אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן. אַזוֹי וִוי לֵיידֶער עֶס טוּט זִיךְ, אוּן עֶס קֶען אַייךְ חַס וְשָׁלוֹם שָׁאטְן. אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (תַּנָא דְבֵי אֵלִיָהוּ רַבָּא, פֶּרֶק יח) אֵלִיָהוּ הַנָבִיא אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אִין בָּבֶל אוּן גֶעטְרָאפְן אַ רֹאשׁ יְשִׁיבָה פוּן צְוֵויי הוּנְדֶערְט תַּלְמִידִים, נָאךְ אַ יָאר אִיז עֶר נָאכְאַמָאל גֶעוֶוען דָארְט אוּן מֶער נִישְׁט גֶעטְרָאפְן דֶעם מְלַמֵד, דֶער מְלַמֵד אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן, זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן אוּן אַלֶע תַּלְמִידִים, עֶס זֶענֶען אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבְּן בְּלוֹיז עֶטְלִיכֶע יוּנְגֶע תַּלְמִידִים, הָאט אֵלִיָהוּ הַנָבִיא גֶעוֵויינְט פַארְוָואס דֶער מְלַמֵד מִיט זַיין מִשְׁפָּחָה מִיט דִי תַּלְמִידִים זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן, אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים אַ מַלְאָךְ פוּן הִימְל אוּן גֶעפְרֶעגְט: אֵלִיָהוּ, פַארְוָואס וֵויינְסְטוּ? הָאבּ עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: צִי דֶען זָאל אִיךְ נִישְׁט וֵויינֶען, אַז דִי אַלֶע זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן...? וְאָמַר לִי: "לֹא יָפֶה עָשִׂיתָ שֶׁאַתָּה בּוֹכֶה וּמִתְאַבֵּל וּמִתְאַנֵּחַ עֲלֵיהֶם", הָאט דֶער מַלְאָךְ גֶעזָאגְט: וֵויין נִישְׁט אֵלִיָהוּ, אָמַרְתִּי לוֹ: "מִפְּנֵי מָה", וְאָמַר לִי: "שֶׁהֵן הָיוּ עוֹשִׂין דְּבָרִים מְכוֹעָרִים וּדְבָרִים שֶׁאֵינָן רְאוּיִין, וּמְקוּלְקָלִין בְּעַצְמָם, וְהָיוּ מוֹצִיאִין שִׁכְבַת זֶרַע חִנָּם וְהֵן לֹא הָיוּ יוֹדְעִין בְּעַצְמָן שֶׁהַמִּיתָה מַשִּׂיגָתָן", זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן שְׁמוּצִיגֶע מַעֲשִׂים, זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן עֲבֵירוֹת אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי בָּחוּרִים דִי וֶועג פוּן לֶערְנֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דֶער סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן רֶבִּי'ן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "טוֹב לִלְמֹד בִּמְהִירוּת וְלִבְלִי לְדַקְדֵּק הַרְבֵּה בְּלִמּוּדוֹ. רַק לִלְמֹד בִּפְשִׁיטוּת בִּזְרִיזוּת וְלִבְלִי לְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ הַרְבֵּה בִּשְׁעַת לִמּוּדוֹ מֵעִנְיָן לְעִנְיָן, רַק יִרְאֶה לְהָבִין הַדָּבָר בִּפְשִׁיטוּת בִּמְקוֹמוֹ", עֶס אִיז גוּט מֶען זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל אוּן נִישְׁט מְדַקְדֵק זַיין צוּפִיל בִּשְׁעַת מֶען לֶערְנְט, נָאר זֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין דֶעם פַּשְׁטוּת הַפְּשַׁט, "וְאִם לִפְעָמִים אֵינוֹ יָכוֹל לְהָבִין דָּבָר אֶחָד, אַל יַעֲמֹד הַרְבֵּה שָׁם וְיַנִּיחַ אוֹתוֹ הָעִנְיָן וְיִלְמַד יוֹתֵר לְהַלָּן", אוּן אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט זָאל מֶען נִישְׁט פַארְבְּרֶענְגֶען אַסַאךְ צַייט אוֹיף דֶעם עִנְיָן, עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען גֵיין וַוייטֶער, "וְעַל פִּי הָרֹב יֵדַע אַחַר כָּךְ מִמֵּילָא מַה שֶּׁלֹּא הָיָה מֵבִין בִּתְחִלָּה, כְּשֶׁיִּלְמַד כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת לְהַלָּן יוֹתֵר", אוּן אַז מֶען לֶערְנְט אַסַאךְ - וֶועט מֶען שְׁפֶּעטֶער פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען הָאט פְרִיעֶר נִישְׁט אַזוֹי גוּט פַארְשְׁטַאנֶען.

דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט וַוייטֶער: "שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר", אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט גָארְנִישְׁט זָאל מֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, "וּמִמֵּילָא יָבִין", אוּן בַּיים סוֹף וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין. "וְלֹא יְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ בִּתְחִלַּת לִמּוּדוֹ שֶׁיִּרְצֶה לְהָבִין תֵּכֶף, וּמֵחֲמַת זֶה יִקְשֶׁה לוֹ הַרְבֵּה תֵּכֶף וְלֹא יָבִין כְּלָל. רַק יַכְנִיס מֹחוֹ בְּהַלִּמּוּד וְיֹאמַר כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת וּמִמֵּילָא יָבִין", מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט, וָואס דָאס אַלֵיינְס - אַז מֶען וִויל גְלַייךְ פַארְשְׁטֵיין - מַאכְט אַז עֶס זָאל זַיין שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען, נָאר מֶען זָאל בְּלוֹיז זָאגְן דִי וֶוערְטֶער כְּסִדְרָן אוּן מֶען וֶועט שׁוֹין פוּן זִיךְ אַלֵיינְס פַארְשְׁטֵיין, "וְאִם לֹא יָבִין תֵּכֶף יָבִין אַחַר כָּךְ, וְאִם יִשָּׁאֲרוּ אֵיזֶה דְּבָרִים, שֶׁאַף עַל פִּי כֵן לֹא יוּכַל לַעֲמֹד עַל כַּוָּנָתוֹ, מַה בְּכָךְ", אוּן אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל, וֶועט מֶען עֶס פַארְשְׁטֵיין בַּיים

צְוֵוייטְן מָאל; אוּן אוֹיבּ מֶען וֶועט נִישְׁט פַּארְשְׁטֵיין דֶעם צְוֵוייטְן מָאל אִיז אוֹיךְ גָארְנִישְׁט, "כִּי מַעֲלַת רִבּוּי הַלִּמּוּד עוֹלָה עַל הַכֹּל, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה: 'לִגְמוֹר, וַהֲדַר לִסְבּוֹר, וְאַף עַל גַּב דְּלָא יָדַע מַה קָאָמַר' שֶׁנֶּאֱמַר: "גָּרְסָה נַפְשִׁי לְתַאֲבָה", וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל קוֹדֶם אַסַאךְ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט, אוּן דֶערְנָאךְ זָאל עֶר לֶערְנֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין, "כִּי עַל יְדֵי רִבּוּי הַלִּמּוּד שֶׁיִּלְמַד בִּמְהִירוּת, וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה, עַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לַעֲבֹר כַּמָּה פְּעָמִים אֵלּוּ הַסְּפָרִים שֶׁלּוֹמֵד, לְגָמְרָם, וְלַחֲזֹר לְהַתְחִיל, וּלְגָמְרָם פַּעַם אַחַר פַּעַם, וְעַל יְדֵי זֶה מִמֵּילָא יָבִין וְכוּ'", וַוייל אַז מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל, קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ; מֶען אִיז זוֹכֶה אִיבֶּערְצוּגֵיין יֶעדֶע זַאךְ זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל, בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה דָאס צוּ פַארְשְׁטֵיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(עצתו אמונה פרשת יתרו תשפ"ד)

## וָואס קֶען אִיךְ גֶעבְּן פַאר דִי קִינְדֶער צוּ טוּן נָאךְ חֵדֶר?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער ראש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ צְוֵויי בָּחוּרִים אוּן אַ גְרוֹיסֶע אִינְגל, אוּן אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ וָואס זֵיי צוּ גֶעבְּן צוּ טוּן נָאךְ חֵדֶר אוּן יְשִׁיבָה. אַבִּיסְל לֵיינֶען זֵיי, אַבִּיסְל הֶעלְפְן זֵיי, אוּן אַבִּיסְל שְׁפִּילְן זֵיי, אָבֶער עֶס בְּלַייבְּט נָאכְאַלְץ אִיבֶּער אַסַאךְ צַייט וָואס זֵיי גֵייעֶן מַמָּשׁ לֵיידִיג. זֵיי שְׁטֵייעֶן אוֹיף מַיין וַוייבְּ'ס קָאפּ, אוּן אַלֶעס וֶוערְט אָנְגֶעצוֹיגְן. וָואס זָאל אִיךְ טוּן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם א' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, י"ג תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וֶוער עֶס וִויל זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, אִיז דָא אֵיין עֵצָה – תְּפִלָּה; בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם.

מוֹהֲרָא"שׁ בְּרֶענְגְט זֵייעֶר אַסַאךְ אִין דִי בְּרִיוו דִי מַעֲשֶׂה וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (תַּנָּא דְּבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, פֶּרֶק יח) "מַעֲשֶׂה בְּכֹהֵן אֶחָד", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ כֹּהֵן, "שֶׁהָיָה יְרֵא שָׁמַיִם בַּסֵּתֶר", זֵייעֶר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, "וְהָיוּ לוֹ עֲשָׂרָה בָּנִים מֵאִשָּׁה אַחַת", עֶר הָאט גֶעהַאט צֶען קִינְדֶער, "שִׁשָּׁה זְכָרִים וְאַרְבַּע נְקֵבוֹת", זֶעקְס זוּן אוּן פִיר טֶעכְטֶער, "וּבְכָל יוֹם וָיוֹם הָיָה מִתְפַּלֵּל וּמִשְׁתַּטֵּחַ וּמִתְחַנֵּן וּמְבַקֵּשׁ רַחֲמִים", עֶר פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג זִיךְ אַרָאפְּוַוארְפְן אוֹיף דֶער עֶרְד, וֵויינֶען אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וּמְלַחֵךְ בִּלְשׁוֹנוֹ עָפָר", עֶר פְלֶעגְט אוֹיפְלֶעקְן דֶער עֶרְד מִיט זַיין צִינְג (דָאס אִיז אַן אוֹיסְדְרוּק וִוי אֵיינֶער פַארְפִירְט אוּן וִויל עֶפֶּעס פוֹעֵלְ'ן) – "כְּדֵי שֶׁלֹּא יֵצֵא אֶחָד מֵהֶן לִידֵי עֲבֵירָה וְלִידֵי דְּבַר מְכֹעָר", אַז אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן אוּן קֵיינֶער זָאל נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ קַיין עֲבֵירוֹת, "אָמְרוּ, לֹא יָצְתָה אוֹתָהּ שָׁנָה וְלֹא שֵׁנִית וְלֹא שְׁלִישִׁית", אוּן מֶען דֶערְצֵיילְט אוֹיף אִים, עֶס אִיז נִישְׁט אַרִיבֶּער קַיין סַאךְ צַייט, נָאךְ אַ קוּרְצֶע צַייט, "עַד שֶׁבָּא עֶזְרָא וְהֶעֱלָה אֶת יִשְׂרָאֵל מִבָּבֶל, וְהֶעֱלָה אִתּוֹ כֹּהֵן עִמָּהֶם", הָאט עֶזְרָא הַסּוֹפֵר צוּרִיק גֶעבְּרֶענְגְט אַלֶע אִידְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן אוֹיפְגֶעבּוֹיט דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אוּן דֶער אִיד אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען פוּן דִי וָואס זֶענֶען צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען קַיין יְרוּשָׁלַיִם, "עַד שֶׁרָאָה כֹּהֲנִים גְּדוֹלִים וּפִרְחֵי כְּהוּנָּה מִבָּנָיו וּמִבְּנֵי בָנָיו עַד חֲמִשִּׁים שָׁנָה, וְאַחַר כָּךְ נִכְנַס אוֹתוֹ כֹּהֵן לְבֵית עוֹלָמוֹ", בִּיז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אַרוֹיף צוּ גֵיין קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מִיט אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער צוּזַאמֶען מִיט עֶזְרָא הַסּוֹפֵר, אוּן אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען גֶעוָוארְן כֹּהֲנִים גְּדוֹלִים אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ. אוּן דֶער כֹּהֵן הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ וָואס אַלֶע פוּן זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן דִי עֲבוֹדָה אִינֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז תְּפִלָּה אִיז דִי עֵצָה זוֹכֶה צוּ זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער.

הֶעלְף דַיין וַוייבּ מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער, קוּם אַהֵיים צַייטְלִיךְ הֶעלְפְן לֵייגְן שְׁלָאפְן דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער אוּן מִיט דִי עֶלְטֶערֶע קִינְדֶער זָאלְסְטוּ פַארְבְּרֶענְגֶען אוּן זֵיי אוֹיפְבּוֹיעֶן; חִינּוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת אִיז זֵייעֶר אַ הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(עצתו אמונה פרשת מטות מסעי תשפ"ג)

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com

קוֹל בְּרֶסְלֶב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספעפיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876